ב'ד'א'ג'ה -- ( תה ) מנעמאָנישער סימן ווי אזוי אפּצושניידן די נעגל פון די פינגער פון דער רעכטער האנט, ניט כסדר נאר לויט אט דער ארדענונג : צום ערשטן ב= ( פון צווייטן פינגער ), דערנאך ד= ( פון פערטן פינגער ), דערנאך א= ( פון ערשטן פינגער ), דערנאך ג=( פון דריטן פינגער ) און צום לעצט ה= ( פון פינפטן פינגער ).

ב ד א י [באַדאַר]- דער, =ס [באַדאָס] אָן אויסקלערער, אויסטראכטער. % "אזוי איז שוין די שטראף פון א בדאי, אז אפילו ווען ער זאגט שוין דעם אמת גלייבט מען אים אויך ניט" ( סנה' פטס ).

בד בבד [באַד בעוואַד] -- אדוו. גלייך אויף גלייך. % איז אפגעמאכט, מיר טיילן זיך מיטן רווח בד בבד, לחיאין !"

ב ד ו ד ע -- אין דער הומאָריסטישער פאַראַפראַזע:

יפתח בדודע כשמואל בטרובע ( פאַרגלייך: יפתח בדורו כשמואל בדורו ).

ב ד ו ח ק [בעדויכעק] -- אדוו. אין מאנגל, וויינציק וואָס, קוים-קוים. % געווארן א מלמד און געצויגן זיין חיונה בדוחק. זיך מפרנס זיין בדוחק.

" ער האט דאס גוטס איך זייך האנט געהאט, דאך האט ער זיך בדוחק דאס ברויט אליין זאט געגעסן". צו"ר, וישב.

... א מאל האט ער געזוכט און א מאל ניט, א מאל האט

ער פרנסה ברווח און א מאל בדוחק ". חה IV , ז' 126. 10

ב ד ו ק ו מ נ ו ס ה [ באָדעק אומענוסע ] -- אדוו פר.

פעסטגעשטעלט, אָן צווייפל, רעזאָלוט. (אויסגעפּרובט, אמת) (ll)

" א מענטש האט פיינט אן אלטן מאן א זקן - דאס 1960

איז בדוק ומנוסה". שע, דאס נייע כתרילעווקע, 11

" כתרילעווקער מושב-זקנים", ז' ~~132~~.

(נ.י., 1944, ב' V, ז' 132.)

1968 " אונדזערע יידן האבן אבער אויך אן אנדער

תרופה, א מיטל טאקע א גאנץ אלטער, אבער שוין איין 14

מאל הכליתדיק; בדוק ומנוסה!". קאפּלאן, גק נ' 62/63, ('65)

ז' 228.

ב ד ו ר ו [ בעדוירוי ] -- אדוו. (ll) אין זיין דור,

גענעראציע, אין זיין צייט. % בדורו איז ער געווען

פאררעכנט פאר א גדול.

ב ד ח י ל ו ו ר ח י מ ו [ בידכילוי אורכימוי ] -

אדוו פר. (ll) מיט מורא און ליבשאפט אינגיינעם, מיט

ציטער אין הארצן.

... " איך שטיי, דאווין בדחילו ורחימו, און יענער

קומט מיט א גמרא און רוימט מיר איין אויפן אויער 20

|...| ". ממוש, בישיבה של מטה, ז' 39.

" א יונגער-מאן מיט ציטעריקע פיאות שטייט פאר 1951

אים בדחילו ורחימו ". [illegible] גק ('65) 19

נ' 10, [illegible], ז' 53.

(ll)

||בדחילודיק= ורחימודיק -- אדי / אדוו. דזוו דפּוו

1958 " און ווייל ער [ גראָסבארד ] באהעפט זיך

בדחילודיק צו דער דיכטערישער שאפונג, באהעפט זי 17

זיך צו אים ברחימודיק ". ד. מאלקין, גק ג׳ 31,
ז׳ 184.

בדחן [באַדכן] -- דער, ־ים [באַדכאָנים],
א וויצלער און שפאסמאכער אויף יידישע חתונות
[דער בדחן פלעגט פריילעך מאכן דעם עולם מיט וויצן
און שפאסיקע גראמען; ער פלעגט, מיט דער באגלייטונג
קאפעליע, באזעצן די כלה, ~~און מאכן וויינען די~~
~~ווייבער~~; אויסרופן דרשה-געשאנק אע״].

1884 " ווי עס ווערט ניט א שידוך אן א שדכן, אזוי
קען ניט זיין א שמחה אן א בדחן ". ש. מ. אסטראווסקי 50
דער מאסקעראדין באל, ווארשע, ז׳ 6.

" רב ברוך בדחן איז ארויף אויפן טיש, |...| אראפ- 1900
געלאזט דעם קאפ |...| און האט אנגעהויבן מיטן 45
שיינעם טרויעריקן ניגון |...| ". שע, מעשיות פאר
~~יידישע קינדער II, ״חנוכה - געלט״, ז׳ 46.~~
בעט עלמאנאך, ניו 1944, ב׳ II, ז׳ 46

... "מען פירט, מען פירט די כלה צום טראָן" - דאס
האט איינער פון די דריי בדחנים אנגעזאגט ". 31
סעג, גאלדענע פאווע, ציט אנט, ז׳ 424.

1968 " אין דער פרי האט ער געהאנדלט מיט מילך און
ביינאכט איז ער געווען בדחן ". וו. רעכטמאן, 25
יזב אסוואצק, ח״א, ז׳ 396.

שוו: א בדחן מאכט אלעמען פריילעך און אליין איז
ער אומעטיק ( וואריאנט: א בדחן מאכט די גאנצע שטוב
פריילעך און אליין האט ער אין דער היים צרות ). בז״ - שטרנבן (נט דבר׳)
א בדחן בלייבט א בדחן און א גנב בלייבט א לאטכן
[שפּאסיק פון ״ לקחן ״]. דער בדחן איז א בריה
אז די כלה איז א יתומה ( ס׳איז גרינג ארויסצורופן
געוויין ).
וואס טוט ניט א בדחן צוליב א גראש?

ב ד ח נ ו ת | באַדכאַנעס | -- דאָס, בא. 1. די באַשעפטיקונג פון א בדחן, דאס זאגן וויצן אין גראמען, שפּאסעריי.

1891 " בדחנות איז אזא סארט פראפעסיאן, // עס צאלט זיך נאר לויט מען קאן, / אלע גאטונקען יידן // זענען 54
פון מיין בדחנות העכסט צופרידן ". שמואל זיינוויל
פעדער בדחן אין סאטוף | טעקסט: סאסוס |, לעמבערג.

1951 " עס שיינען ארוים מיט די נעמען: ש. קאצענעלנבאגן ( רש"י ) |...| און אליקום צונזער, דער שענסטער 52
פארשטייער פון בדחנות ביי יידן ". מ. קאסאווער,
לימע ~~.....~~ I

1970/71 " שפעטער איז געקומען דער 'מארשאליק' אדער בדחן, וואס האט אנגעהויבן זאגן זיינע 61
בדחנות מיט וויינענדיקן ניגון ". י. פרידמאן,
יזב זלאטשעוו, ח"א, ז' 136.

2. ( פיג ) ניט געראטענע, ~~ניט וויצטיקע~~ פאעזיע, גראמען=מאכעריי.

1959 " [...] באנוצט זשארגאן אין ליטעראטור נאר צו צוועקן פון בדחנות אדער נארישע מעשהלעך ". 59
שנ, קליטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 323.

פראווען בדחנות -- 1. אויספירן די ארבעט פון א בדחן.

2. ( איר ) שיסן מיט גראמען, לצווען.

ב ד ח נ י ש | באדכאניש | -- אדי. אויפן שטייגער ~~סטיל~~ פון א בדחן.

... " לויט זייער סטיל זענען זיי געווען נאענט צו דער בדחנישער פראפעסיע ". זר.

ב ד ח נ ע ן | באַדכענען | -- אוטוו. ריידן אין
גראמען, וויצלען זיך, פראווען בדחנישע שטיק.

1958 " געגוג שוין געבדחנט ! גענוג מיט דעם קוואַטש !
67 באהאלט זיי אויף שפעטער די גראמען און וויצן !".
אלף כץ, חלום עליכם,

ב ד ח ק ו ת [ בעדאַכקעס ] -- אדוו. אין נוים, אין
ארעמקייט. % ער האט פארלארן א סך געלט און לעבט
בדחקות; קוים די נשמה צו דערהאלטן.

1886 " דער אויסגעצייכנטער הזן [...] האט שטענדיק
69 דריטהאַלבן משוררים, און אליין איז ער לא עליכם
א שטילער גביר, ד"ה, ער האט קוים ברויט בדחקות".
יצחק בן מנחם לעפאָוויצער, ייִפאל נ׳ 13, ז׳ 197.

ב ד י ד ו ת [בדידעס] -- דאס/די, בא.
1. אפגעזונדערטקייט, דאס אפשיידן זיך פון מענטשן.
% שוין עטלעכע יאר ווי ער ווייזט זיך ניט צווישן
מענטשן און פראוועט בדידות.

1848 " אונ אז די וועסט זיך צו מישן מיט גרושי לייט
78 ווערט זיך נחסר די מדה פון בדידות ". חה !!!,
ב׳, ז׳ 213.

1973 " [...] זיך דערווייטערן פון מענטשן און ליב האבן
די בדידות ". חג, פאר IV/22.

2. עלנטקייט, איינזאמקייט, אַליינקייט.

1973 " ער האט ארייגעקוקט אין איר אלמניש פנים.
80 ס'איז וואקסיק=געל, איינגעשוואלן מיט קליינע בערגעלע
פון עצבות און ווייבלעכער בדידות ". י. שפיגל,
גק נ׳ 79 - 80, ז׳ 74.

ב ד י ד י   ה ו ו ה   ע ו ב ד א  [בעדידי האָווע אָוודע] —
מיט מיר אליין האט אזוינס פאסירט, ביי מיר אליין
איז דאס געשען.

1910 "בדידי הווה עובדא – איך אליין האב איבערגעלעבט פאַר
א פאַר יארן אזא מין 'לויה'". שע, "אויטא דא פע," 83

..." איך גלייבט נישט אין חלומות? |...| בדידי הווה
עובדא, איך אליין בין שיער דורך א חלום א מיליאָנער 84
געווארן". פרץ, מאמירען און הומארעסקען,
ז' 13.

1958 " לאָמיך איך בעסער דערציילן א זאך, ס'איז בדידי
הווה עובדא, ביי מיין אייגענעם שווער". באש, 81
גק ג' 31, ז' 91.

?בנ? ב ד "י ו ב ד "א – ר"ת: בדיני ישראל ובדרך אחרת.

ב ד י ו ק  [בעדיעק?] – אדור. פינקטלעך, אקוראט.

1922 " ווייס מען בדיוק די פראצענט-פאַרהעלטעניש
פון יעדער נאציע בנוגע צו דער גאנצער איינוווינער- 87
שאפט". ימ, נייס.

1956 " דאס וואס איך זאג, אז עס וועט זיין ווי איצטער
אין עולם=האצילות, איז דאס ניט בדיוק". 90
ליקוטי=דיבורים, קל"ג.

דיק=|| – אדי.

1923 "בדיוקדיקע אויספארשטונגען |...|". שטאפלען,

ב ד י ח ה  [בדיכע] -- די, בדיחות [בדיכעס]. א וויץ,
א שפאַס, א קאַמיש ווערטל. % די בדיחות וועגן
די כעלעמער חכמים האבן שטארק אויסגענומען.

1950 " די אנגסט מיט בדיחה דערוועקן ". י. י. סיגאל,

ספר אידיש, מאנטרעאל, ז' 365.

א גוטע בדיחה איז קורץ און שארף.

................................................................

באם: מ'וואלט געדארפט זען דעם גאנצן טעקסט,

כדי צו וויסן צי מיינט מען דא טאקע " א וויץ".

................................................................

בדיחת - הדעת [בדיכעס האדאאס] -- דאס/ די, בא. געהויבענע, פריילעכע שטימונג.

1967 " הפנים דער צדיק האט איצט געהאט בדיחות הדעת,

ר'איז געווען אויפגעראמט. א וודאי מחמת חנוכה". 95

ב. רעסלער, טמז VII/8.

בדיל - הדל [בעדיל=האדאל] -- אדוו פר. פאראמעט, רוינירט. % בדיל - הדל ווערן, שטעלן, לאזן,

מאכן בדיל=הדל, בלייבן בדיל=הדל.

1882 " אלמנות מיט יתומות האבן זיך א שאט געטאן נאך

זייער ביסל מינץ, און די שטאט = גבירים זענען טאקע 99

פון זיי בדיל-הדל געווארן ". ש. וואלצנאק,

די פארלארענע קינדער, ווארשע, ז' 39.

1919 " גוואלד, ייקן, ראטעוועט ! [...] מע

האט מיך באגנבעט! בדיל-הדל געשטעלט! שע,

דראמאטישע שריפטן, " דאס גרויסע געווינס", ז' 238.

1926 " גלויבט מיר, רחל, דער יונג מאכט מיר בדיל-הדל !".

אפא, אלעקאנג I, ז' 90.

ב ד י ן [בעדין] -- אדור. (עלם) לוימן געזעץ.

1832 " גאט האט גזאגט צו אדם הראשון [...] אזוי וויא דוא בישט ארייך גגאנגין צו דעם משפט בדין און בישט ארויש גיגאנגין ברחמים אזוי וועלין דייני קינדר קומן פאר מיר בדין און וועלן ארויש גיין ברחמים ". 131

מחזור לראש השנה, סלאוויטע, 

1883 " באטשע ער איז א רשע, איז אים א מאל אנגעברייט א אשה טובה און עס איז בדין [...] ". נופת צופים, I 133

וילנא, 244.

[זיצן בדין -- משפטן, פירן דעם משפט.

1883 " נאר אין דעם טאג ווערט הקב"ה אנגערופן המלך הקדוש, המלך המשפט, ער זיצט בדין ". נופת צופים, I, 196. 127

ם בדין

1716 " אונ' וויא וואול זי [די בהמה וואס איז מסוכן און ווערט געשאכטן] איז בדין מותר צו עשן דענוכט האב איך מחמיר גיוועזן ניט צו עשן ". סהמ, יחזקאל ד - יד, I. 128

ב ד י נ י ג ו י י ם [בעדיניי גאָיִם] -- אדור פר. לויט ניט=יידישע געזעצן. א % יידישער משפט איז פאר אים ניט גענוג, ער וויל דווקא זיך לאזן בדיני-גויים.

ב ד י נ י ה ם [בעדינייהעם] -- אדור. לויט דער ניט=יידישער יוסטיץ.

..." בדיניהם איז דאס קוויטל נישט ווערט געווען א דרייער ". פרץ, בילדער און סקיצען. 139

ב ד י נ י י ש ר א ל ו ב ד ר ך | א ח ר ת | בעדינײ ישראל אוּוועדערך אַכערעס | -- ( ) אויף אן ערלעכן און אומערלעכן אופן.

1868 " ער טײלט ערב פסח קארטאָפל, דער מיט טעקסט:

74 דאמיט | עס זאל פֿארעמען אין אלע גאסן, און דאס טראגט אים אײן בד"י ובד"א ". אמד, דער סיום התורה, ~~דר. לנא.~~

ב ד י ע ב ד | בעדיעוועד | -- אדור. נאך דעם ווי ס'איז געשען, לאחר - המעשה.

... " און בדיעבד, אז איך זענס שוין דא [...] ".

156 ממוס, אין דער ישיבה של מעלה.

" בדיעבד, אז ס'האט זיך שוין אזוי געמאכט, |...|

162 בין איך גאנץ צופרידן |...| ". שע. ~~פון כתרילאווקע~~

א ווארט פאר א ווארט ", ~~ז' 157~~.

1965 " לכתחילה איז מיט צוויי למדן און בדיעבד איז

149 מיט צוויי דלדן ( אן ענטפער עמעצן וואס טענהט אז מע דארף מאכן אן אונטערשייד צווישן לכתחילה, צי מע זאל עפעס טאן, און בדיעבד, ווען עפעס איז שוין אפגעטאן ". י. טשערניאק, יישה XXV - 3, ז' 89.

1973 " צי עס זײנען יא געווארן אדער ניט געווארן צוויי באזונדערע שפראכן קען מען וויסן נאר בדיעבד ". מווג I, ז' 101.

ב ד י ק ה [ בדיקע ] -- די, =ות [ בדיקעס ]. אויספאָרשונג, קאנטראל, רעוויזיע, ספּעצ. דאס רעווידירן די אינגעווייד פון א בהמה נאכן שעכטן אויסצוגעפינען צי זי איז כשר על-פי דין.

1833 " א טייל [שוחטים] ריידן בשעת בדיקה און בשעת זייא ריידן האבין זייא בודאי קיין כוונה ניט רעכט בודק צו זיין דעם חליף ". הרב א. הכהן מאזמיר איבז פון ר' משה בר' נתן נטע מאוסטרהא, שבט מוסר, סדילקאב, פרק לו , דף ב. 177

1898 " דער אפצוג דארף זיין אזוי, זי זאל זיך גוט דאס ארט און ארום דעם ארט און אנטון א קלאר העמד און לייגן א קלאר לייילעך [...] און מיט דעם טיכל מאכן די בדיקה ". י. מ. הכהן, ספר גדר עולם, ווארשע, ז' 31. 164

1926 " טייל מאל, נאך דער ' בדיקה ' פלעגט איינער פון די גרויסע שמוגלערס אריינגיין אין בופעט, צורופן א זעלנער, הייסן געבן א שנאפס ". א. בערגמאן דאס פוילישע שטעטיל, ווארשע, ז' 22.

0 בדיקת-הריאה [...-הארייע] -- די . קאנטראל פון דער לונג פון א בהמה נאך דער שחיטה פעסטצושטעלן אז די לונג איז ניט געלעכערט.

1885 " האט זיך נאך אונדזער רב מיט דעם כלי-קודש ארויפגעווארפן מיט א טאקסע אויף יעדן שטיקל, בכדי זיי זאלן זיין בעת בדיקת הריאה. ייפאל, נ' 11, ז' 170. 182

בדיקה

1723 " נאך דר בדיקה גיהער מן |...| דאש חמץ וואש איבר בלייבט צו עשין מוז ער אלש וואל בווארנן און ניט לאזן ארום וואלגריך ". דרך חיים, זאלקווא. 176

11 — 3

בדיקת-חמץ | כאַמעץ | דאַס

1. די מצווה פון בודק=חמץ=זיין דעם אָוונט פאַר ערב-פסח.

1881 " דאס מיסט פון אונטער די בעטן [...] ווערט א גאַנץ יאַר ניט אויסגעקערט, די אַרבעט געהערט צו ערב פסח, פאַר בדיקות חמץ". מ. א. שאַצקעס, דער יוד פאַר פסח, וואַרשע, ז' 15. 189

1957 " אַט=אַט איז שוין אַלץ פאַרטיק געוואָרן צו בדיקת=חמץ ". מאַל, א שטוב מיט זיבן פענצטער, נ"י, ז' 279. 187

2. ( פיג ) גרינטלעכע אויסראַמונג, אויסרייניקונג.

1961 " אינצווישן האָט מען געשיקט א טעלעגראַמע און דווקא אין העברעיש, צו מיין פאָטער אין מאַלין, ער זאָל מאַכן א 'בדיקת-חמץ' און אויסראַמען אַלע פועלי-ציון=בראָשורן פון אונדזער הויז ". ר. ינאית, טמז, 21. 191

ב ד ל ו ת [בעדאַלעס] -- אדון. אין אַרעמקייט, אין נויט. % זיין, ווערן בדלות. שטעלן בדלות:

[אַנהייב 19טן י"ה] " דער וואָס האָט מענטשן בדלות געשטעלט דאַווענט פרום אין טלית דעם ראַרן ". עט, לידער, ציט אויסג ווילנע, 1925, ז' 28. 224

" געוואַלד, נישט אויסצוהאַלטן פון די יודלעך, וואָס כאַפּן אַלסדינג אויס און שטעלן אונדז בדלות. ממוס, א סגולה, ז' 16. 228

1926 " זי האָט ווייטער באַדויערט, וואָס א וועלט נעבעך ווערט בדלות ". מ. אַלטמאַן, בלענדעניש, טשערנאָוויץ. 215

1953 " דער קראָקעווער וואַיעוואָדע האָט דעמאָלט געראַטעוועט יידן פון פּאָלקומען בדלות ווערן ". ש. דובנאָוו, וועלט געשיכטע VII, ב"א, ז' 117. 212

בין איך בדלות ! -- ס'אַרט מיך נישט.

..." אז דיין בעל-הביתטע וועט האבן ווינציקער מיט
א צוקערלעקעכל, בין איך בדלות ". שע, YT , ז' 92. 205

" אלץ גלט, זאַנוול. לאז זיין אן א טיטול.
בין איך ווייטער בדלות ! אבער צו וואס זיינען די 204
געשרייען ?" אפּא, [illegible] I , ז' 72.

פון קליין פרנסה ווערט מען נים בדלות ( שוו ) —
אויב מע האט ניט קיין בעסערע ארבעט, דארף מען נעמען
וואס עס מאכט זיך.

בדלות

1626 " לאזן זיא בדלות ווערן אונ' דיא עלביגי נקמה
ווערט מן לנג אן זעהן ". סהמ, תהילים, נט - יב.

1752 " אבר זיא דורפן זיך ניט גאר בדלות שטעלן פון
איר קינדר וועגן וויא מיר האבן גיזעהן פון טייל 234
לייט". [illegible] צח, יג, 42.

ב ד ל י - ד ל ו ת [בעדילע=דאַלעס] -- דזוו בדלות,
עמפּאַטישער.

1863 " מען איז אימער געוווינט צו טאן א שידוך איבער
די כוחות און מע שטעלט זיך גאר דערביי בדלי-דלות ". 236
אמד, דברי יושר, ווילנע.

ב ד ל י פ א [בידלייקע/בעדליקע] -- אדוו. ( [illegible] )
אויב ( ווייל ) סע איז ניטא, בלית=ברירה.

1912 " אבער בדליקא וועט ער מוזן ריידן אין נאמען
פון דער פינאנץ-אינסטיטוציע, וועלכע דארף פאַר- 238
ווירקלעכן דעם טעריטאריאליזם ". ח. משעמערינסקי,
זש' [?] וואוהין, אויגוסט, קיעוו.

בדליכא שאני [... שאַני] -- אז ס'איז גאר ניטא איז עפעס אנדערש.

1956 " אז ס'איז ניטא קריגט קיינער נים - בדליכא שאני!

י. עלזעט, יידשפּ XVI - 2.

בדליכא כולא עלמא לא פליגי [... קולע אָלמע לוי פּליגי] -- אז ס'איז ניטא, איז פארפאלן, און ס'איז ניטא וואס צו טענהן, [ימ, ייבל XVI].

פּאראַדיע: בדליכא כולא עלמא לא פליגלע.

בדלית ברירה [בעדלעס ברײרע] -- אדוק.
אז ס'איז ניט פאראן קיין מיגלעכקייט זיך אויסצוקלייבן, נישט האבנדיק קיין אויסוועג; בלית ברירה.

1952" אין אונדזערע טעגלעכע ציימונגען האט מען בדרך-כלל נים שטארק ליב נעאלאגיזמען און זיי קומען אהין אריין אדער בדלית ברירה אדער אומבאמערקטערהיים" 241

ימ, יידשפּ XII - 3.

בדמייך חיי [בעדאמאיך כאַיי] -- פּראזע.
" אין דיין בלוט לעב " (יחזקאל טז - 6).
א סימבאלישער אנווייז, אז פונעם פארגאסענעם יידישן בלוט וואקסט ארויס א נייַ לעבן [אין די ברכות וואס דער מוהל מאכט נאכן מל זיין א קינד, איבער א כוס וויין, ביי די ווערטער "בדמיך חיי" באנעצט דער מוהל מיטן וויין די ליפּן פון קינד].

1945 " בדמייך חיי -- זאלסט לעבן אין דיין בלוט ".
הל, אין מרעבלינקע בין איך נים געווען, נ"י, ז' 210. 243

1972 " איבערן פאלק איז מקוים געווארן יחזקאלס נבואה - בדמייך חיי!". אריה פּאזי, עיקר-מאטיוון, צ"ק, דעצ. 242

ב ד מ ע ו ת  ש ל י ש  [בידמאָעס שאָליש] אדוו פר. (צח)
~~בבענען~~ מיט זייער א סך טרערן.  % וויינען, בעטן
בדמעות שליש.

1867 " האט [דעם רבינס יורש] צעטריבן פון זיך אלע
חסידים און האט געוויינט פאַר זיי בדמעות שליש, 256
אז ער שטייט גאר ניט העכער פון אלע יידן ". קמ,
נ' 25, III + 191.

1889 " וויפל מאל האט דער פאטער פאר אים געוויינט
בדמעות שליש [...], אז ער זאל רחמנות האבן אויף 254
איך און זאל אים נישט ערגערן ". עליכם שלום,
דיא גוטע ברידער, קערדיטשעוו, ז' 69.

... " זיך געבעטן ביי אים בדמעות שליש ". ממוס.

1973 " [דער] קאן זינגען צום אייבערשטן, שמייכלען
צו מענטשן און וויינען גאנצע נעכט בדמעות שליש ". 250
א. וויזעל, גק, נ' 79 - 80, ז' 288.

ם ~~בדמעות שליש~~

1726 " אנשי גליקשטאט זיך לפני קהל דש"ק בקלאגט
בדמעות שליש, דאס מן זיא וויל מגרש זיין בצווי 252
הסרכה יר"ה ". פנקס קהלת אה"ו, כרוז ק"ו; ציט
פון ש. אסף, ייבל, 1949, ז' 122 |?|.

ב ד ע ה  [בעדייע] האָבן -- אומוו. האבן איין זינען,
איין געדאנק, טראכטן, רעכענען עפעס צו טאן.

1866 " איך האב תחילת בדעה געהאט דאס צו באשרייבן
אין א רוסישע צייטונג |...| ". קמ נ' 25, ז' 390. 272

1888 " האט דער פויער געפּלוצט, געשאלטן און שוין
געהאט בדעה מיך א שמיץ טאן מיט דער בייטש ".
ממוס, קליאטשע, קאנק' 655950.

1903 " ער האט ניט בדעה צו כאראקטעריזירן דעם ' בונד'
אין גאנצן, נאר ער קריטיקירט די טעטיקייט פון 260
אייניגע אפגעשטאנענע ארגאניזאציעס ". אוטאנאמיע
אדער פעדעראציע? לאנדאן, ז' 5.

1974 " כ'האב נישט בדעה מיך לאנג דא ארומצושמאַיען
אויף דעם דאזיקן פארעיפּשטן ווערטל ". באש, פאר, 261
14/VI.

1889 [illegible]

בדמעות שליש [...], אז ער זאל רחמנות האבן אויף 254

אים און זאל אים נישט ערגערן ". עליכם שלום,

דיא גוטע ברידער, פערדיטשעוו, ז' 69.

... " זיך געבעטן ביי אים בדמעות שליש ". ממוס.

1973 " [דער] קאן זינגען צום אייבערשטן, שמייכלען

צו מענטשן און וויינען גאנצע נעכט בדמעות שליש ". 250

א. וויזעל, גק, ב' 79 - 80, ז' 288.

~~ם בדמעות שליש~~

1726 " אנשי גליקשטאט זיך לפני קהל דש"ק בקלאגט

בדמעות שליש, דאס מן זיא וויל מגרש זיין בצווי 252

השררה יר"ה ". פנקס קהלת אה"ו, כרוז ק"ו; ציט

פון ש. אסף, יובל xxxx, 1949, ז' 122 |?|.

ב ד ע ה [בעדייע] האבן -- אומוו. האבן אין זינען,

אין געדאנק, טראכטן, רעכענען עפעס צו טאן.

1866 " איך האב תחילת בדעה געהאט דאס צו באשרייבן

אין א רוסישע צייטונג |...| ". קמ ב' 25, ז' 390. 272

1888 " האט דער פויער געפלוכט, געשאלטן און שוין

געהאט בדעה מיך א שמיץ טאן מיט דער בייטש ".

ממוס, קליאטשע, קאנק' 655950.

1903 " ער האט ניט בדעה צו כאראקטעריזירן דעם 'בונד'

אין גאנצן, נאר ער קריטיקירט די טעטיקייט פון 260

אייניגע אפגעשטאנענע ארגאניזאציעס ". אוטאנאמיע

אדער פעדעראציע? לאנדאן, ז' 5.

1974 " כ'האב נישט בדעה מיך לאנג דא ארומצושטאָיען

אויף דעם דאזיקן פארעיפֿשטן ווערטל ". באש, פאר, 261

VI/14.

ם האבן בדיעה

1621 " איך האב בדיעה איהאט [גיהאט?] איין אין צו

ציהן מיט מ(יינה) קינדליך גאט בהיט זיא ניא נון 266

ווייל עש אזו צו גיט קאן עש ניט זיין ". פראגער

בריוו, ז' 1.

1711 " אונ' וואש דיא מצריים האבן בידעה גיהאט,

דאש האט גאט זיא אן גיטאן ". צור, יתרו, אמשט, 267

סז. XIII

15 - 3ב

ב ד ע ה  א ח ת | בעדייע אכעס | -- (מט)ס׳רוב

אין באהעפּס: זיין בדעה אחת (מיט) זיין איינשטימיק

האבן די זעלביקע מיינונג. % מיר זיינען

געווען בדעה אחת מען זאל זיך גלייך שטעלן

בויען דעם מושב-זקנים.

1919 " ווען צוויי מאכן אן אחדות צו באקעמפן איינעם

בדעה אחת, הייסט עס: ' זיי האבן צוזאמענגעשלאגן

די קעפּ׳". עלזעט, מענשלעך קערפּער, וואונדער אוצר

פון איד. שפּר. ווארשע, ז׳ 10.

פון דעם אידיש שפּראך

263

ב ד ע ת | בעדאאס | -- אדרו. מיט וויסן, מיט א כוונה,

באוואוסטזיניק. % ער האט בדעת אים אונטערגעטעלט

א פיסל.

ב ד " צ -- רת פון בית-דין צדק.

~~ב ד "ץ — ר"ת תוך: בית-דין צדק.~~

ב ד ק -(ה) ב י ת | בעדעק -(הא) באַיִס | -- דער, [illegible]

1. ( מח ) רעמאָנט, דאס פאררי̇כטן א שול, בית-מדרש.

1884 " אויב מע איז עולה לתורה פון כבוד הורה וועגן

און די געלט איז מען מנדב אויף בדק הבית [...], איז 292

[ג.ח. לעווינזאָן],

די עליה לרצון ביי גאט ". א פאטאגראפיע פון

פראווינציע אדער די צוואה, [illegible]

[illegible], אדעססא, ז' 18.

1972 " א פערטער האט געגעבן : א פאר טויזנט רובל אין

מזומן פאר בדק-הבית ". חג, פאר, VIII / 13. 294

[illegible],

2. ( פיג ) ~~אויסבעסערונג.~~ % אונדזער דערציונג-

סיסטעם פאדערט א גוטן בדק-בית.

0 בדק-הבית-געלט -- ספעציעלע געלט וואס בעלי-בתים

האבן מנדב געווען צו פאררי̇כטן דעם בית-מדרש.

בדק-הבית-חברה -- א באזונדערע חברה ביים בית-המדרש

וואס האט זיך אפגעגעבן מיטן בדק-הבית פון שול.

בדק-הבית-פושקע -- איינע פון די צדקה-פושקעס וואס

זיינען געהאנגען אין א שול.

1870 " אזוי געפינט זיך הי א גבאי פון בית-המדרש הגדול,

ער נעמט צו אלע געלטער פון די פושקעס און פון די 300

עליות, ער האט איינגעריכט א נייע פושקע 'בדק-הבית'.

קמ, נ' 20, [illegible] 148.

ב ד ק ע ו ו ע ן | באַדקעווען |— דזוו בדקען.

1911 " פון דעם בדקעווען מיך בין איך פארציטערט געוואָרן מיט די אבֿרים ". ממוס, קליאטשע, קאַנק' 1004410.

ב ד ק ע (נע) ן | באַדקע(נע)ן | -- טרוו. אויך ( זן )

בדקעווען. 1. נאָכזען, קאנטראלירן על-פי הלכה די כשרות פון פלייש.

1885 " האט זיך נאך אונדזער רב מיט דעם כלי-קודש

315 ארויפֿגעוואָרפֿן מיט א האקטע אויף יעדן שטיקל, בכדי

זיי זאלן זיין בעת בדיקת הריאה ( ביים בדעקנען

די בהמות ) ". יופאל, נ' 11, ז' 170.

1899 " | דער דיין [האט אבער] די גאנדז | אנגעפאנגען

313 צו בדקענען און ארומצוטאפן ". א. מ. שארקאנסקי,

א שפיגעל פון א פורים-שפילער, נ"י, ז' 6.

1939 " דער שוחט שטייט אויף גאנץ פרי און לויפט אין

309 דער יאטקע גיך און בינדט און קוילעט און בדקט

די קו." דר. זבארזשער, דאס ביסאלי מינץ,

ב. וואכשטיין, וואכשטיין בוך, ווילנע, ז' 185.

2. זוכן, פֿאַרשן, נישטערן.

1958 " מען האט אונדז אויפסניי געבדקנט פון קאפ ביז

319 צו די פיס." פ. באש, אמעריקאנער, VIII / 29.

3. גנבענען.

..." האוו, האוו, האוו ! א גנב! - שרייט ער. בדקען

וויל ער, בדקען". א. שטיינבארג, משלים.

אז מען זאל גוט בדקענען איז אלץ טריפֿ ( שוו ).

בדקענען א הערינג - ( שפאסיק ) עפענען און זען

וואס עס טוט זיך אינעווייניק, ד"ה, אויפעסן אים.

1921 " ביי א ווילנער בעל-הבית האט איר אמאליקע יארן געקאָנט פּועלן ער זאל בדקענען א הערינג אין א פּראסטן מאָנטאָג - סהם אזוי זיך א הולע געטאן ".
ד. קאפּלאנאָוויטש, אין א פּארגליווערטער שטאט, ווילנע, ז' 29.

~~בד "ד -- ר"ת פון: בדברי רבותינו; בדברים רעים.~~

ב ד ר ך [בעדערעך] -- (אויף דעם שטייגער (פון עפּעס), לויט דעם גאנג, לויט דער פירונג פון עפּעס/עמעצן.

1832 " א צעבראכנקייט אין הארצן [איז גוט, אבער] צום אמת, ניט צו ווייזן סיך בדרך און אנשטעל פון פּרושים ". פּוקח-עורים, שקלאוו, אות יב. 330 שריפט?!

1963 " סיי די אגדה סיי די הלכה ווערן פּארקניפּט [...] מיט דעם אלטן תורה-טעקסט, און זיי ווערן פון אים ארויסגעדרונגען בדרך עקסעגעטיק ". א. ליפינער, איק, I, 28. 332

2. ערשטער טייל פון א צאל באהעפטן ( זען באזונדערע זוכווערטער ).

ב ד ר ך א ג ב [... אַגעוו] -- אדוו. ביי דער געלעגנהייט, אז מען רעדט שוין דערפון, פאַרבייגייענדיק

1846 " ס'איז א גרויסער חילוק אז מע קומט צו איין שר אומישנע מיט א בקשה אדער ווען מען בעט איים [...] אז מען האט אים באגעגנט [...] בדרך אגב ". ר' יעקב מדובנא, משלי חכמה ( שמות ), ווילנע, תר"ז [?], II 42. שריפט? יאר? 333

1910" איך האב אייך נאר געוואלט אויספירן, בדרך-אגב,

וואס מ'שטיים זיך אויס אין וועג צוליב א זעקס=און= 338

זעכציק". שע, אטונבאו-גאשיכטעס, א זעקס=

און=זעכציק, ז' 162.

בודי תלמידות אוגוסט, ניו 1944, ב' VI פ, ז' 162.

ב ד ר ך ג ו ז מ א [בעדערעך גוזמע] -- אדוו פר.

אויף אן איבערגעטריבענעם אופן, איבערכאַפּניק די מאָס.

1919 "דערפון מעגלעך ווערט אויך געזאגט בדרך גוזמא

אויף איינעם וואס איז אין א שווערע מצוקה און 337

אויסוועג: ער פארלירט דעם קאפ". עלזעס,

וואונדער אוצר..., מענשלעכער קערפער, ווארשע,

ז' 19 - 20.

"...[עס זיינען פאראן] ווערטער וואס ווערן גערופן

בדרך גוזמא: [...] גרויסע שטעט [...] אין הימל, 341

ווייס מען דאך, אז די שטעט זיינען נים אין הימל",

חה IV, ז' 215.

בדרך גוזמא והפלגה [... וועהאַפלאַגע] --

בדרך גוזמא (עמפאַטיש).

1919 " אויף א גרויסן שווינדלער [...] זאגט מען

בדרך גוזמא והפלגה: 'ער קאן ארויבגנבענען דאס ווייסל 342

פון אויג ". עלזעס, וואונדער אוצר... ווארשע, ז' 84.

ב ד ר ך ה ט ב ע [... האַטעווע] -- אדוו פר. אויף

א נאטירלעכן אופן, אויפן גרונט פון נאטור-געזעצן.

1882 " די סעודה וואס אחשורוש האט געמאכט איז נים

געווען בדרך הטבע, נאר בדרך נס, וואס דער בורא 346

עולם האט מסבב געווען ". נופת צופים, אסתר,

ווילנא, ז' 82.

1903 " אויפשטעלן א מדינת יהודים אין ארץ ישראל
מיט אייגענע קרעפטן; וואס ביי א מענטשן מיט א 347
געזונטן פארשטאנד קאן עס בדרך הטבע אפילו אין חלום
ניט זיין ". י. נתנאל, דער פּוסטערנער אייזוועך,
פּיעטרקוב, ז' 33.

1971 " א ייִד דארף נישט זוכן א נס שלא כדרך הטבע,
נאר דווקא אויף נסים וואס געשעען בדרך הטבע". 352
מ. אונגער [צים פון שינעווער רבי], פּאר VII/4.

~~ם בדרך הטבע~~

1729 " ער קאן אזו זאגין רבש"ע בדרך הטבע העט איך
היינט נאך קענין פיל געלט געווינן אבר איך האב 354
אלז לאזין שטין |...|". ר' אריה ליב בר' יהודה
יכונה זעליגמן מק"ק ~~פיזדינגן במדינת שוואבן~~, [...]
תיקוני מועדים, פיורדא, תפ"ט, דף | 20 - 21 |.

בדרך-הטבעדיק [בעדערעך האטעווערדיק] -
אדיי/ אדוו. נאטירלעך, געזעצמעסיק.

1951 " פֿאַר אונדז זעט אלץ אויס נאטורמעסיק, בדרך-הטבעדיק,
ווייל דאס געטלעכע ליכט נעמען מיר אויף נאר אויף 356
אזא אופן, וואס איז באלד פון אנהויב צוגעפּאסט
געווארן צו אונדזער שוואכער זעקראפט ". א. צייטלין,
ליטע I, נ"י, ז' 593.

בדרך הישר [בעדערעך האיאשער] - אדוו פר.
~~אויפן גלייכן וועג, ארנטלעך, מאראליש הויך, אין~~
~~באטש דרכים~~. % גיין ( פירן זיך ) בדרך הישר.

1832 " די רשעים האט ער מדריך געווען בדרך הישר, פון
דאנין האט ער זוכה געווען מאכין יירשנן צו זייני 363
קינדער טל ". מחזור לשלוש רגלים, ג' א |?|, סלאוויטע.

... " איין מאל ביי נאכט האב איך ראַפּטעם געהערט ווי א הון

361 זאָגט אירס א הענדל: פיר דיך בדרך הישר, זיי ניטש

ווילד, ווּעסטו זוכה זיין לשני שולחנות ". פּרץ,

פּעליטאָן, ז׳ 11.

1931 " האט דער גוטער ייד געזאגט, אַז ס׳גאַרניט און

362 אז זי וועט אם ירצה השם גיין בדרך הישר ". ה. ארלאַנד,

הרעבליעס, כאַרקאָוו.

ב ד ר ך ה ל י צ ה [בעדערעך האַלאָצע] -- אדוו. פּר.

אין שפּאַס, אויף א שפּאַסיקן אופן.

1868 " דאָך האַלטן מיר עס פּאַר א חוב אויפמערקזאם צו

377 מאַכן די לעזער, אז דער קאָרעספּאָנדענט שרייבט דאס

נאר בדרך הלצה ". קמ, נ׳ 41, 298.

1902 " די ארבעטער [...] זאלן אלץ ניט אננעמען בוכשטעבלעך,

381 ווארום די בראשורע [...] איז געשריבן בדרך הלצה,

זי איז א בייסענדע, פארניכטענדע סאטירע ".

דער אידישער ארבייטער, נ׳ 14, לאנדאן, ז׳ 173.

1961 " דער ראַדזינער רבי האט אליין בדרך הלצה גערעדט

378 וועגן זיין פארשרייבן רעצעפּטן ". מ. אונגער,

טמז, II/12.

ם ~~בדרך הלצה~~

1625 " אונ׳ בדרך הלצה מאג מן זאגן זעלכי לייט וועך

376 זיא שמאל שטיאן דא קויפן זיא געך נחלאות זעלכי

זכן דז שווער איז בעלי חובות אוועק צו נעמן ".

סהמ, משלי, כ - כא, לובלין. שפ״ו.

ב ד ר ך כ ב ו ד [בעדערעך קאָוועד] -- אדוו פּר.

בכבודיק, העפלעך.

1875 " דער מענטש מוז די מים אחרונים וואשן-דווקא
396 אין איין כלי אריין און ניט אויף דער ערד, ווארום
די וואסער זיינען ~~בכב~~ דער חלק פון סטרא אחרא, דארום
מוז דער מענטש אים זיי געבן בדרך כבוד ". קה,
ווילנע, ~~פרל"ה~~, 83/ -כח. IV.

1918 " ווילנדיק איינעם ארויסבעטן בדרך כבוד אדער
397 הייסן ערגעץ גיין זאגט מען אים : ' נו, לכה דודי'".
עלזעט, דאוונען, ווארשע, ז' 44.

1966 " דעת אר"י הקדוש פלעגט פאר פסח ארויסשיקן
403 זיינע תלמידים אויפזוכן באהאלטענע אביונים און
באזארגן זיי בדרך כבוד אויף פסח-הוצאות ". טמז
10/IV.

~~בדרך כבוד~~

1713 " זייא ניט טועג חכמה צו זוכן אונ'' דיין
402 חבר צו שטראפן היימליך אונ' בדרך כבוד ". מחזור
שלש רגלים | ~~מיט אורחות חיים~~ |, אמשט, 83/ טז. 2.

ב ד ר ך =כ ל ל [ בעדערער קלאל ] -- אדוו פר.
אין אלגעמיין, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעטאלן,
ניט אריינגייענדיק אין פרטים. ~~% בדרך - כלל~~
~~גענומען, גערעדט.~~

1870 " מיר וועלן זיך ניט אריינלאזן אין פאדראבנאסטן,
417 נאר בדרך=כלל פרעגן מיר [...] ". קמ, נ' 51,
ט' - II - 382.

1958 " איך זאג 'אות באות', ווייל בערגעלסאנענס ראובני
422 איז ניט נאר בדרך - כלל א יידישער באלשעוויק,
ער איז עס אויך אין פרטים ". שנ, יידישע שרייבער
אין סאוועטן-פארבאנד, נ"י, ז' 332.

1971 " בדרך - כלל איז ביי רעמבראַנדטן יעדער געשטאַלט איינגעטונקט אין חושך, נאָר דאָס פּנים איז באַלויכטן". 407
סימה, באַגעגעניש, גק נ׳ 73, ז׳ 90 |?|.

בדרך מליצה ] בעדערעך מליצע ] -- אדוו פר.
אויף אַ רעטאָרישן אופן, בילדעריש ( רעדן, שרייבן, זאָגן אע ).

1881 " און אין אמת איז די ווערטער ׳ משה עלה למרום׳ דאָך מער ניט ווי אַ פּיוט, עס הייסט גלאַט בדרך מליצה". 453
שאַצקעס, דער יוד פאר פסח, וואַרשע, ז׳ 59. ווארשע N.Ic.

[1926-1931] " און דער רמב"ם גייט נאָך ווייטער און זאָגט, אַז גאָט האָט משהן געוויזן זיין קשר של תפילין, הייסט 433
[ עס ] בדרך מליצה ". אַפּאַ, שלעגעל VI, ז׳ 182.

בדרך משל | בעדערעך מאָשל | -- אדוו פר.
אַלעגאָריש.

" יידענע! ׳ס רעדט זיך אזוי, בדרך משל [...] ". 1915
שע, דראַמאַטישע שריפטן, ׳ דאָס גרויסע געווינס׳, 449
ז׳ 169. ~~169~~ 1913 אלע ווערק, ניו 1944, בד VII, ז׳ 169

1935 " ס"איז בדרך-משל געזאָגט וועגן פרעמדע אפגעטער 447
און וועגן אן אייגענעם גאָט ". א. קאַהאַן,
אהרן ליבערמאַן, ~~מעלוכע פאַרלאַג~~ קיעוו, ז׳ 142.

1972 " לאָמיר עס אילוסטרירן בדרך-משל: ראובן זיצט און 446
אַ ליבט אין אַ פינצטערן צימער ". ז. ברושי, איק,
II/11.

בדרך-נס [.... נעס] -- אדוו פר. דורך א ווּנדער, אויף אן איבערנאַטירלעכן אופן. % ער איז בדרך-נס ניצול געוואָרן פון היטלערס קרעמאַטאָריעס.

1866 " קען שוין גריילעך געמאָלט זיין, דאס די שריפה
[...] איז אויך ניט געווען בדרך-נס, נאָר ער אליין 458
האט עס חלילה אנגעצונדן." אמד, דער שנאָרער,
ווילנא, ז' 10.

בדרך פרט [... פּראַט] -- אדוו פר. ([illegible])
באַזונדער גענומען ( געריכט ), אינדיווידועל,
סעפּאַראַט. ~~% מען קען ניט אלע מאָל צוגיין צו~~
~~זאַכן דורך - כלל, מען מוז זיי אַ מאָל אויסטיילן~~
~~צוליב זייער אייגנאַרטיקייט און זיי באַנעמען בדרך- פרט~~

1882 " מיר קענען אייך נאר פּאָזיטיוו זאָגן, אז פאר
אונדזער שטאָט בדרך - פרט וועלן זיי [ די נייעס 470
אונדזערע ] גרויסע ניצן ברענגען אין יעדער הינזיכט".
ייִהאל, נ' 11, ז' 163.